בעזרת השם יתברך

# • אינהאַלט •

## פון די פרקים

## לויט'ן סדר פון די פרקים פון גאַנצן ספר

### אין דעם אינהאַלט ווערן אַראָפּגעברענגט אַלע יסודות'דיגע פונקטן וואָס זענען פאַרצייכענט געוואָרן אין יעדן פרק

דער הייליגער **"נועם אלימלך"** זי"ע, - ר' אלימלך פון ליזענסק האט שטענדיג געלערנט אין דעם הייליגן ספר "קב הישר". הונדערט און צוויי מאל האט ער געלערנט דעם "קב הישר" - לויט דעם נאמען און קאפיטלען פון ספר (אור אלימלך, אות ק"ח).

בס"ד

# אינהאַלט פון די פרקים

**א.** די גרויסקייט פון התבודדות און חשבון-הנפש, און אכטונג געבן וואס מען טוט און אפילו וואס מען רעדט. - א געשיכטע מיט א פרוי וועגן בית-דין של מעלה, - די מעלה פון חכמה וואָס איז געגעבן געוואָרן צום מענטשן.

**ב.** אַ מענטש זאָל נוצן זיינע אויגן נאָר צום גוטן.

**ג.** אַז ווען אַ מענטש זיצט מיט זיין חבר זאָל ער רעדן מיט אים דברי תורה.

**ד.** דער שכר פאַר מחדש זיין אמתע חידושים און נישט גרויס האַלטן זיך מיט דעם - יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט ארויף און שטעלט זיך פאַר השי"ת, און השי"ת קרוינט אים מיט קרוינען.

**ה.** די גרעסטע ליבשאַפט פון אַ חבר איז, ווען ער זעט זיין חבר איז עובר אַן עבירה זאָל ער אים זאָגן מוסר.

**ו.** דער וואס וויל זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל. - די וויכטיגקייט פון לערנען תורה ווען מען גייט אויפן וועג. - מען זאל שטארק מכוון זיין ווען מען עס עפעס גייענדיג אויף דעם וועג.

**ז.** די וויכטיגקייט פון זיך נישט גרויס האַלטן און די מעלה פון באַשיידנקייט און איר שכר.

**ח.** די וויכטיגקייט פון אַכטונג געבן נישט צו טראַכטן קיין מחשבות-זרות ביים דאַווענען, ווי דער כהן אין בית-המקדש און די מלאכים אין הימל.

**ט.** ווי אַזוי מנהיגים דאַרפן פירן זייערע קהילות מיט רחמים, און נישט אַרויפוואַרפן איבעריגן פחד אויפן ציבור.

**י.** די וויכטיגקייט פון איינלאַדענען אָרימעלייט צו אַ סעודת מצוה.

**יא.** די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן: זכות-תורה און זכות-אבות.

**יב.** אַ מענטש זאָל בעטן ביי השם יתברך ער זאָל נישט פאַרשעמט זיין אויף יענער וועלט, שטייענדיג פאַרן גרויסן און געוואַלדיגן דין פונעם כסא הכבוד.

**יג.** דער חיוב צו וואַשן די הענט אין דער פרי, ווען מ'מאַכט אויף די אויגן, און וויאַזוי.

**יד.** פון יעדן מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט געבוירן אַ מלאך, וואָס זאָגט שטענדיג גוטס אויף אים, און חלילה פאַרקערט ביי אַן עבירה.

**טו.** די מעלה פון שלום און די שענדלעכקייט פון מחלוקת.

**טז.** די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם און וואָס איז דער גורם דערצו.

**יז.** די עלף טיילן פון טומאה וואס דער מענטש זאָל זיך היטן פון זיי. - די וויכטיגקייט פון פירן זיך בקדושה ובצניעות.

**יח.** דער מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באשעפער פאַר אלע נסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג.

**יט.** דער חוב וואָס ליגט אויפן מענטשן מקיים צו זיין אַלע תרי״ג מצוות און קענען זייערע הלכות

**כ.** דער חוב צו דאַווענען ״שמונה עשרה״ מיט כוונה, - בענין שכר ועונש.

**כא.** ווי שטאַרק מ'איז מדקדק מיטן מענטש צו ער האָט געלערנט תורה לויט זיין מעגלעכקייט. - די שמחה פאַרן טאַטן ווען ער איז זוכה אַריינצוברענגען זיין זוהן אין עול המצוות צו 13 יאָר. - די סעודת בר מצוה וואָס דער תנא רבי שמעון בר יוחאי האָט געמאַכט פאַר זיין זוהן רבי אלעזר. - דער חיוב פון אויפשטיין ביים עלות השחר כדי צו זאָגן שירות ותשבחות פאַרן אויבערשטן.

**כב.** דער גרויסער חטא פון פגם הברית. - יעדע מצוה ווערט פאַרצייכנט אויפן שטערן פונעם מענטש. - א מעשה פון רבי חיים וויטאל ז״ל מיטן אַר״י ז״ל. - די סיבה פאַרוואָס די צדיקים ליידן יסורים און די רשעים לעבן במנוחה אויף דער וועלט.

**כג.** וויאַזוי דער צדיק חנוך איז דערהויבן געוואָרן אין הימל און איז געוואָרן דער מלאך וואָס ווערט אָנגערופן מט״ט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין צום אויבערשטן אויף יעדער זאַך גרויסע און קליינע, סיי די באַדערפענישן פאַרן גוף און סיי די באַדערפענישן פאַר דער נשמה, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אין תפילה. - די געשיכטע מיט ר' אבנר, דער תלמיד פון רמב״ן ז״ל, וואָס די תפילה פון זיין רבין האָט אים געהאָלפן ער זאָל תשובה טוהן און האָבן אַ טיילווייזע כפרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען אין שוהל.

**כד.** די וויכטיגקייט פון טראַכטן דברי תורה ווען מ'גייט אויפן וועג. - זיך דערווייטערן פון וויסטע ערטער וואָס זענען געשטאַנען ליידיג מער ווי זיבן יאָר. - דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב. - די שעדליכקייט פון קמצנות אָדער פזרנות. - דער חיוב פון שטיצן ערליכע אָרימעלייט.

**כה.** די כוונה פון מדרש ״יברכך ה' בממון וישמרך מן המזיקין״. - דער קמצן ווערט איבערגעגעבן אין רשות פון דער סטרא אחרא און די מזיקים געוועלטיגן אויף זיין געלט. - דער וותרן געהערט צו דער סטרא דקדושה.

**כו.** דער קאַרגער צר עין איז גורם שלעכטס פאַר זיך און פאַר דעם מענטש וואָס האָט פון אים הנאה. - אַ מעשה ווי אַזוי נחום איז גם זו האָט אויף זיך מקבל געווען יסורים ווייל ער האָט נישט תיכף געגעבן צו עסן פאַר אַן אָרימאַן. - א פשט אויף דעם פסוק ״צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר״.

**כז.** די גרויסע חשיבות פון דעם מענטש וואָס איז מחדש אמת'דיקע חידושים און די שטראָף פון דעם וואָס איז מחדש מיט פאַרקרומטע הקדמות. - פיר מדריגות ביי תפילה: עבדים, עניים, חסידים און מקדשי שם שמים. - די מעלה פון דעם אָרימאַנ'ס תפילה. - דער נוסח פון ווידוי צו זאָגן ביי ״שמע קולנו״. - די גרויסקייט פון תפילה בציבור. - די ניסים וואָס זענען געשען מיט די מענטשן וואָס האָבן עולה רגל געווען

קיין ירושלים ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען.

**כח.** די וויכטיגקייט פון בטחון אין דעם אויבערשטן, און די שענדלעכע עבירה פון כישוף. - דער כח פון בלעם הרשע צו טוהן כישוף. - דער שלעכטער סוף פון די מענטשן וואָס גייען נאָך כישוף. - אַ מעשה נורא וואָס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש.

**כט.** ווי אַזוי בלעם הרשע איז אומגעקומען דורך צליה פון שבט דן, אויף דעם באַפעל פון פנחס. - דער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס, אַז זיי ווערן שלענג און עקדיסן, און זייערע נשמות ווערן שדים רחמנא ליצלן. - ווי אַזוי בלעם הרשע האָט געמאַכט זיינע כישוף. - דוד המלך האָט בטל געמאַכט דעם כח פון דעם טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם האָט גענוצט. - דער וואָס דערווייטערט זיך פון כישוף, וועט זוכה זיין צו עולם הבא.

**ל.** די פיר מדות פון צדקה. - די שרעקליכע נאַטור פון די קמצנים וואָס געבן נישט קיין צדקה. - די מענטשן מיט אַ שלעכט אויג וואָס געבן אַביסל צדקה נאָר כדי זיך גרויס צו האַלטן. - דאָס חשיבות פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביים לעבן און זענען עוסק אין תלמוד תורה און גמילות חסדים.

**לא.** די חשיבות פון תפילה אינדערפרי, מער ווי אין אַנדערע צייטן. - ווי אַזוי רבי יוסי בן פקיעין איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים. - פאַר יציאת נשמה וויל דער שטן זיך אָנקלעפּן אין דעם גוף פונעם מענטש, אָבער ביי אַן ערלעכן איד שטופּט דער אויבערשטער אַוועק דעם שטן. - ווען אַ מענטש האָט יסורים ח״ו, זאָל ער טראַכטן אַז דאָס איז כדי ער זאָל אפּקומען די שטראָף פאַר זיינע עבירות.

**לב.** די טעג ווען עס איז אַ סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיקע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פּסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע.

**לג.** די וויכטיגקייט פון זאָגן יעדן טאָג "והוא רחום יכפר עון" וגו', ווייל עס איז מכפר אויף די עבירות. - מען דאַרף מקבל זיין אויף זיך מלקות כאָטש איין מאָל אַ חודש. - דער וואָס איז מנודה ח״ו, ווערט זיין תפילה נישט צוגעהערט. - דער מענטש זאָל אויסוועהלען איין טאָג ווען צו זיין פריי פון אַלעם און תשובה טוהן ביי זיך אין דער היים אַזוי ווי ער וואָלט ח״ו געווען מנודה. - דער נוסח פון ווידוי.

**לד.** די טעג ווען עס איז אַ סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיגע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פּסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע.

**לה.** טעמים פאַר דער נחיצות פון פאַסטן אין דעם טאָג פון אַ יאָרצייט נאָך עלטערן. - די וויכטיקייט פון מחדש זיין אמתדיקע חידושי תורה, וואָס דערמיט מאַכט מען אַ נחת רוח פאַר די עלטערן אין גן עדן, ווי אויך

פאַר די שווער און שוויגער. - די מעלה פון תורה לשמה. - דער תועלת פון מאַכן אַ חשבון הנפש. - נישט צו באַגריסן אַ רשע, און אַ מעשה דערויף פון זוהר.

**לו.** פרנסה ווענדעט זיך אין מזל און נישט אין זכות פון מענטש.

**לז.** דער ענין פון די דריי משמורות פון דער נאַכט, און וואָס עס קומט פאַר אין הימל ביי יעדן משמר. - דער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף דעם גלות פון די אידן. - צו חצות הלילה גייט דער אויבערשטער אַריין אין גן עדן הנאה צו האָבן פון די נשמות פון די צדיקים. - די וויכטיגקייט פון אויפשטיין פרי צו עבודת הבורא, און נישט צו טוהן אייגענע געשעפטן פאַר'ן דאַווענען.

**לח.** די כוונה פון דעם פסוק "ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך", וואָס מען זאָגט פאַר די שמונה עשרה. - די גרויסע מעלה פון תפילה בכוונה - דער וואָס איז אָפּגעהיטן פון גזל און השגת גבול, ווערט זיין תפילה אָנגענומען.

**לט.** דער פשט פון מדרש אויף דעם פסוק ואברהם זקן בא בימים וגו'. - אַלע טעג פון דעם מענטש קומען צום חשבון פאַרן אויבערשטן, אויב דער מענטש האָט אין זיי געדינט דעם אויבערשטן ווי געהעריק. - די גאַנצע געשיכטע פון יונה הנביא אויף דעם ים, איז אַ רמז אויף די נשמה פון מענטש. - זיבן שווערע עונשים וואָס גייען אַריבער אויף דעם מענטש נאָך זיין פטירה, און אַ תפילה גראַטעוועט צו ווערן פון זיי.

**מ.** פאַרשידענע סיבות פאַרוואָס אַ מענטש דאַרף מגולגל ווערן. - צוויי אופנים פון גלגול. - די וויכטיגקייט פון מצוות השבת אבידה. - אַ מעשה ווי אַזוי דער אריז"ל האָט ארויסגעטריבן אַ רוח פון אַ יונגען בחור. - מען דאַרף זיין געוואָרענט צו היטן די אויגן. - די וויכטיגקייט פון געבן צדקה.

**מא.** מען דאַרף אויפהויבן די אויגן ווען מען זאָגט קדושה. - מען דאַרף מדקדק זיין אין יעדן וואָרט ביים דאַווענען נישט איינצושלינגען די ווערטער. - מוסר רייד צו די חזנים אַז זיי זאָלן דאַווענען מיט כוונה. - דער סוד פון וואָרט "חזן". - די האַרבקייט פון מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען דאָרט וואו מען טאָר נישט מפסיק זיין. - אַ מעשה פון זוהר הקדוש, ווי הייליגע תנאים האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין קינד.

**מב.** אויב אַ מענטש זינדיגט ח"ו, שרייט זיין נשמה צו דעם אויבערשטן וועגן איר צער, און דער אויבערשטער הערט אויס איר געשריי און ציט אַרויס די נשמה פון דעם גוף. - יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול אַז דער מענטש זאָל נישט אַרויסשטופּן די נשמה פון זיין גוף. - מען דאַרף אייביג תשובה טוהן, ווייל אַ מענטש ווייסט נישט ווען ער וועט שטאַרבן. - מען זאָל פאַר זיך פאַרצייכענען די זאַכן וואָס זענען מעכב די תשובה.

**מג.** 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן. - דער מוכיח זאָל נישט מקטרג זיין אויף אידן, נאָר מעורר רחמים זיין אויף זיי. - מען זאָל זיין געהיטן פון גאווה ווען מען

דרש'ענט פאַר אידן. - די גרויסע ענוה פון דעם הייליקן תנא רבי שמעון בן יוחאי.

**מד.** ווי מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט אַן אָרעמאַניס משכון. - דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרויס קעגן דעם אָרימאַן. - דער איסור פון נעמען שוחד. - די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר'ס געלט. - נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון באַנוצן זיך מיט קהל'ישע געלט. - אַ מעשה מיט די אלמנה פון רבינו יחיאל. - מען זאָל נישט האַלטן גרינג די תקנות פון די חז"ל. - נישט צו פאַרשעמען דעם חבר כדי זיך אַליין מכבד צו זיין. - די חשיבות פון לימוד התורה ווען עס איז לשמה.

**מה.** די וויכטיקייט פון מכוון זיין יחודים פאר דער שכינה. - ווען מען איז ליידיק פון מצוות, זאָל מען קוקן אויף די ציצית. אַ מעשה פון זוהר וועגן ענטפערן "אמן יהא שמיה רבה". - די ברכה פון אַ רבי צו זיין תלמיד זאָל זיין ער זאָל זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים.

**מו.** דער חיוב צו האָבן אַ ריינעם גוף ביים דאַווענען. - אויך דאַרף מען זיין געוואָרענט צו האָבן ריינע און שיינע קליידער ספּעציעל פאַר'ן דאַווענען. - זאַכן וואָס זענען מעכב די תפילה פון אַרויפגיין פאַר דעם אויבערשטן. - די שניידערס דאַרפן זיך היטן פון גניבה. - אַ מענטש זאָל זיך נישט אָנקליידן מיט צוויי בגדים אויף איינמאָל. - די מצוה פון מזוזה, דער עונש פאַר מבטל זיין די מצוה און דער שכר פאַר מקיים זיין איר.

**מז.** פאַרוואָס אַמאָליגע חסידים האָבן געגלוסט צו ברענגען אַ קרבן חטאת. - אין פיר צייטן פון דעם יאָר ווערן ערוועקט די דינים, און דאַן איז די צייט זיך צו דערוועקן אין תשובה. - דער טעם פאַרוואָס דאָס לייגן אייזן ראַטעוועט פון די דינים. - ווען עס מערן זיך די בעלי עבירה חס ושלום, ווערן מענטשן געשטרויכלט מיט די עבירה פון רציחה.

**מח.** דאָס ענין פון תקיעת שופר אין חודש אלול. - דער שופר איז מעורר דעם קרן פון דוד המלך, און דעם קרן פון דעם איל ביי עקידת יצחק. - די רמזים פון "תקיעה שברים תרועה". - ווי אַזוי אַ תלמיד פון דעם אר"י ז"ל האָט מעורר געווען אידן צו תשובה און מעשים טובים.

**מט.** די מעלה פון פאַסטן אַ תענית, וואָס איז געגליכן צו אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן. - אַ רמז אין דעם וואָרט "קרבן". -די חשיבות פון די קרבנות ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און פון תפילה בזמן הזה.

**נ.** די גרויסקייט פונעם קרבן פון אָרעמאַן.

**נא.** ווען אַ מענטש איז מקדש זיינע איברים רוהט די שכינה אויף אים.

**נב.** דער מענטש זאָל זיך היטן פון פאַלטשע מענטשן וואָס זעען אויס ווי "פרושים"-ערליכע.

**נג.** אַ מענטש מוז משעבד זיין זיין גוף און זיין נשמה צו דינען השם יתברך - לויט וויפיל טעג ער איז נישט געגאַנגן צום שיעור פון רב, אַזוי פיל טעג שטויסט מען אים אַרויס פון די ישיבה של מעלה - דער מענטש מוז יעדן טאָג

לערנען איין הלכה, ווייל די אותיות "הלכה" איז ווי די אותיות "הכלה" - אַ מענטש זאָל לערנען מיט כח ביז ער וועט דערשוויצט ווערן - דער עיקר כונה וואָס דער מענטש דאַרף האָבן בשעת ער לערנט איז, אַז ער מאַכט אַ שטול כביכול פאַר דער שכינה.

**נד.** מען זאָל מדקדק זיין אַז ספרים זאָלן זיין שיין איינגעבונדן - אַכטונג געבן נישט צו לייגן ספרים פאַרקערט - חיוב זיך צו פירן מיט כבוד מיט ספרים.

**נה.** שרייבן העלפט צום געדענקען, דעריבער זאָל אַ מענטש פאַרשרייבן זיינע זינד, ער זאָל געדענקען זיי מתקן צו זיין - אויב ער געפינט אין אַ ספר עפּעס וואָס קען מתקן זיין זיינע זינד, זאָל ער עס באַלד אויפשרייבן אויף אַ ספּעציעלן פּאַפּיר, ער זאָל קענען גלייך פאַררעכטן וואָס מעגליך - דערפאַר האָט דער מענטש צוויי קרוינען אויף זיין קאָפּ, איינע בשעת די נשמה גייט ארויף און די צווייטע ווען זי גייט אראָפּ.

**נו.** די גרויסע שטראָף און פּגם פון שווערן פאַלש, און ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון דעם - דורך שווערן אויף פאַלש איז מען גורם אַז די וועלט זאָל פאַרפלייצט ווערן - ווען דער מענטש וואָלט געוואוסט די האַרבקייט פון שווערן פאַלש וואָלט ער זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט - השם יתברך וועט נישט ריין וואַשן דעם וואָס זאָגט זיין נאָמען פאַר אומזיסט.

**נז.** דער סדר פון השכמה אינדערפרי. - דער וואָס דאַוונט שמונה עשרה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָדער פון סידור, וועט זוכה זיין צו זעהן די שכינה פאַר זיין פטירה - דער מענטש זאָל מתפלל זיין אַז ער זאָל זוכה זיין צו אַ לייכטן טויט אָן יסורים און אַז ער זאָל דעמאָלט'ס האָבן אַ קלאָרן געדאַנק צו זאָגן ווידוי אויף אַלע זיינע עבירות. - דער מענטש וואָס איז דבוק אין דער תורה, איז באַהאַפטן אין דער שכינה אויך נאָך זיין פטירה. - קביעת עתים לתורה.

**נח.** אַ תיקון אויף פּגם הברית. - אַפילו אויב דער מענטש האָט פיל געזינדיקט, נעמט דער אויבערשטער אָן זיין תשובה, אויב ער לערנט תורה בהתמדה. - דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי תורה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין צו הערן תורה פון דעם אויבערשטן אויף יענע וועלט, און אַ מעשה דערויף אין זוהר פון רבי יהודה און רבי יצחק. - מען דאַרף אָנזאָגן די בני בית מקיים צו זיין די מצוות פון דער תורה, און באַזונדערס צו זיין אָפּגעהיטן אין די ענינים פון צניעות. - די ווייבער דאַרפן פאַרדעקן זייערע האָר.

**נט.** די איברים פון אַ ירא שמים ווערן אָנגערופן "מחנה שכינה". - יעדעס וואָרט פון קריאת שמע איז משפיע קדושה אויף אַן אַנדערן אבר פונעם גוף. - בזמן הזה זענען די תפילות אויפן אָרט פון די קרבנות, און דעריבער דאַרף מען זאָגן די פרשיות הקרבנות יעדן טאָג. - עניוות איז גלייך צו אַ קרבן. - אַ מעשה פון זוהר וועגן זאָגן פרשת הקטורת יעדן טאָג.

**ס.** די כוונות וואָס מ'דאַרף אין זינען האָבן יעדן טאָג ביים זאָגן די ברכה "אהבה רבה". - ביי קריאת שמע דאַרף מען געדענקען יציאת מצרים. -

פאַר פאַרפעלן איין מצוה, דאַרף מען ח״ו מגולגל ווערן כדי מקיים צו זיין יענע מצוה. - ווי פאַר די נשמה וואָס ווערט אַרויסגעטריבן פון פאַר דעם כסא הכבוד. - די גרויסע השגחה וואָס דער אויבערשטער האָט אויף די מענטשן, וואָס פילן אַליין נישט די גרויסע ניסים וואָס דער אויבערשטער טוט מיט זיי, און אַ מעשה דערויף פון זוהר.

**סא.** די עבירה פון עסן פאַר תפילת שחרית, איז ווי עבודה זרה ח״ו. - איינע פון די ערשטע וועגן פון תשובה, איז זיך אפצושטעלן אינמיטן עסן אַ געשמאַקן מאכל. - נישט צו עסן און טרינקען אין אָוונט פאַרן גיין שלאָפן. - דער גרויסער פגם פון רעדן לשון הרע און ניבול פה, און פון רעדן אַנדערש ווי מען טראַכט. - נישטאָ קיין צופאַל אויף דער וועלט, און אַ מעשה דערויף פון זוהר.

**סב.** די פליכט פון דעם מענטש צו מוסרן זיין חבר ווען ער זעהט ביי אים אַן עבירה, און די שטראָף פאַר נישט מוכיח זיין. - אַ מעשה פון זוהר. - דער שכר פאַר מזכה זיין אַן אַנדערן מיט אַ מצוה, און אַ ראיה דערויף פון זוהר. - דער איסור צו חנפ׳ענען די רשעים, און זיי נישט צו געבן חיזוק. - די רבנים פון יעדער שטאָט זענען מחוייב מוכיח צו זיין די מענטשן פון זייער שטאָט, און דער גרויסער שכר וואָס מען באַקומט דערפאַר.

**סג.** אַ פירוש אויף דעם פסוק ״בקראי ענני אלקי צדקי״ וגו׳. - דער מענטש זאָל זיך נישט האַלטן גרויס ווען זיין תפילה ווערט אָנגענומען, און אויך זאָל ער זיך נישט מייאש זיין ווען ער זעט אַז זיין תפילה איז ח״ו נישט געענטפערט געוואָרן. - דער מענטש דאַרף שטענדיק טראַכטן אַז ער איז אַ חוטא. - אַ קורצע תפילה צו זאָגן איידער מען קומט אַריין אין שוהל. - אויפצוהייבן די הענט ביים דאַווענען, און אַכטונג צו געבן נישט אויפצוהייבן זיי אומזיסט. - דער גרויסער שכר פאַר נעמען אויף זיך מסירות נפש ביים דאַווענען. - וואָס מען דאַרף אין זינען האָבן ביים אָנטוהן דעם טלית און די תפילין. - די קדושה פון די אידישע מלבושים, בפרט פון שבת און יום טוב. - די איסורים פון גזל און גניבה.

**סד.** מצות הכנסת אורחים. - אַ מצוה וואָס מענטשן זענען מזלזל דערין, עס וואַרט אַז דער מענטש זאָל איר מקיים זיין און ער זאָל אויך מעורר זיין אַנדערע מענטשן איר מקיים צו זיין, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - פאַרשידענע הנהגות בשעת די סעודה. - כוס של ברכה. - נישט איבערצולאָזן ליידיקע כלים אויפן טיש בשעת ברכת המזון. - כבוד פאַר יעדן מענטש.

**סה.** די כוונה פון די משנה ״ובטוב העולם נידון והכל לפי רוב המעשה״. - די כוונה פון ״צדיק ורע לו״ און ״רשע וטוב לו״. - ווי ווייט מ׳דאַרף זיין נזהר אין כבוד פון תלמידי חכמים. - לימוד התורה איז די חשוב׳סטע אומנות אויף דער וועלט. - די שענדליכקייט פון מדת הגאוה, און די שיינקייט פון מדת הענוה. - אַ ספעציעלע תפילה מתפלל צו זיין פאַר אַ רביין, און פאַר טאַטע-מאַמע. - דער טעם פאַרוואָס אַ תלמיד חכם דאַרף האָבן אַ ״שמינית שבשמינית״ פון גאוה.

**סו.** פשט אין די גמרא "בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה" וכו'. - גאווה ברענגט דעם מענטש צו פאַרשעמען זיין חבר ברבים. - נישט צו חנפ'ענען און אויסנאַרן דעם חבר, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - די מעלה פון דעם מענטש וואָס פאָלגט די חכמים און זייער מוסר, ווייל די צדיקים וועלן אים אַרויסציען פון גיהנום. - די שטראָף פון דעם מענטש וואָס לאַכט אפּ פון די רייד פון די חכמים. - וואָס צו זאָגן בשעת מען טוט תשובה.

**סז.** דער טאַטע דאַרף דערציען זיינע קינדער צו לימוד התורה, צו דרך ארץ און צו משא ומתן באמונה. - אַ רמז אויף דעם פסוק "ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך". - אַ מעשה פון זוהר וועגן דער פטירה פון רבי אליעזר הגדול. - ווען דער צדיק ווערט נפטר, גייט די שכינה מיט די מלאכים און די נשמות פון די צדיקים אַנטקעגן צו באַגלייטן זיין נשמה צו איר אָרט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין אַז ער זאָל זוכה זיין נסתלק צו ווערן מיט דער פטירה פון די צדיקים.

**סח.** נפש, רוח, נשמה זענען אַנטקעגן תפילין של יד, תפילין של ראש, און ציצית. - דער וואָס איז מוציא זרע לבטלה ווערט זיין תפילה נישט אָנגענומען ח"ו. - די מעלה פון אַ בכור וואָס איז "ראשית אונו". - טרערן ביים דאַווענען זענען אַ תיקון אויף פגם הברית. - מיט שמחה של מצוה איז מען מכניע די קליפה פון מחל"ת און אירע מחנות, און מיט אבילות פון מצוות איז מען מכניע לילי"ת און אירע מחנות. - מצות ביכורים.

**סט.** די קליפות וואָס מאַכן זינדיקן דעם מענטש וואָס מאַכן זינדיגן דעם מענטש וואָס היט נישט זיין ברית קודש, און אַ מורא'דיקע מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין דער שטאָט פוזנא. - די האַרבע עבירות פון זנות רח"ל.

**ע.** די כוונה פון פסוק זאת תורת העולה וגו'. - צוליב דעם רויך אויף דעם מזבח האָט די סטרא אחרא נישט מקטרג געווען אויף אידן, און אַנטקעגן דעם איז תפילת ערבית. - מ'דאַרף זיין נזהר נישט אַוועקצואַווארפן ברעקלעך פון ברויט, און אַ מעשה דערויף פון די גמרא. - פאַרן שלאָפן דאַרף דער מענטש זיך פאָרשטעלן די צורה פון זיין פאָטער. - ער זאָל אויסקריצן אויף אַ זילבערנעם רינג די שמות הקדושים און עס טובל'ען אין אַ מקוה, וועט ער ניצול ווערן פון עבירות בשעת ער שלאָפט.

**עא.** אַ טעם פאַרוואָס מען גייט אויף קברי אבות אין טאָג פון אַ יאָרצייט. - ווען די נשמות הערן די תפילות פון די לעבעדיגע, זענען זיי מעורר די אבות מתפלל צו זיין פאַר זיי. - אַ הייליקער גוף ליידט נישט פון קיין ווערים אין קבר, נאָר קומט גלייך אַרויף אין גן עדן. - ווען דער מענטש באַקומט אַ גוטע מחשבה, איז פאַר אים אַן עת רצון. - אַ מעשה פון זוהר וועגן רבי שמעון בן יוחאי. - דער מענטש זאָל נישט דערמאָנען זיין נאָמען ביים דאַווענען, אויב עס איז אַ זמן פון שליטת הדין ח"ו.

**עב.** דער שכר פון תינוקות של בית רבן. - די מלמדים דאַרפן געדענקען אַז די שכינה רוהט שטענדיק אַנטקעגן זיי, און זייער צימער זאָל זיין ריין. -

אַ מעשה פון זוהר. - מען דאַרף מתפלל זיין פאַר די תינוקות של בית רבן, זיי זאָלן גראַטעוועט ווערן פון יעדע שלעכטע זאַך. - הנהגות ווען דאָס קינד דאַרף גיין אין חדר צום ערשטן מאָל. - דער מענטש וואָס איז קינדערלאָז ל״ע, זאָל מגדל זיין אַ יתום אין זיין הויז. - מ׳זאָל אָפּזונדערן אַ שיינעם צימער אין דער היים צום לערנען.

**עג.** יעדע נאַכט איז מען דן די נשמה אין הימל. - אַ חוט של חסד ווערט אַרויפגעצויגן אויף די מענטשן וואָס לערנען תורה ביינאַכט. - אַ מעשה פון די חכמים וואָס ווערט געברענגט אין זוהר וועגן לערנען תורה בייִנאַכט. - אין דער נאַכט פאַרן ברית מילה, דאַרף דאָס קינד אַ באַזונדערע שמירה. - דברי תורה זענען אַ גרויסע שמירה פאַר די יולדת און פאַרן קינד. - דורך די תורה וואָס מ׳לערנט אין אַ וואַך נאַכט, איז מען גורם פיל גוטס און ישועות. - דער גרויסער זכות פון מצות מילה.

**עד.** די נשמות פון צדיקים העלפן די יראי שמים ניצול ווערן פון אַן עבירה און פון הרהורי עבירה. - קנאה אויף דעם חבר איז גורם צו דעם איסור גזל וכדומה. - דער אויבערשטער איז מדקדק אפילו אויף א דיבור. - די מצוה וואָס אַ מענטש איז מקיים, איז פאַר אים מליץ יושר. - פאַר תורה לשמה באַקומט מען אַ דאפּלטן שכר.

**עה.** דער כוח פון שמירת שבת און כבוד שבת. - פאַרשידענע מכשולות אין שמירת שבת. - דער איסור פון רעדן דברי חול אין שבת. - מ׳זאָל נישט איבערלאָזן די שבת׳דיגע מאכלים ביי אַ גוי׳אישן בעקער. - וועגן דעם איסור פון יחוד.

**עו.** דער איסור פון יין נסך, און דער חיוב אויף די רבנים אין יעדע מדינה נישט צו געבן קיין הכשרים אויף וויין ביז זיי וועלן וויסן זיכער אז דער וויין איז בתכלית הכשרות. — אַ רמז אין די ראשי תיבות פון וואָרט ״נסך״ — ״נשים, סוסים, כיסף״. — דער מענטש וואס ווערט נכשל מיט יין נסך, ווערט ליידער מגולגל אין אַן אייזל.

**עז.** איידער די נשמה קומט אַראָפּ אין דעם גוף פירט מען איר אַדורך דעם גן עדן. - דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות נעמט אָן די תשובה פונעם מענטש. - די סטרא אחרא לאָקערט כסדר ח״ו אויף דעם מענטש. - אַ מעשה מיט אַ רוח, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער צייט פון דעם אריז״ל און רבי חיים וויטאל ז״ל.

**עח.** דער עונש פאַר רעדן לשון הרע, רכילות און ניבול פה ח״ו. — א תפילה ניצול צו ווערן פון יעדע עבירה. — א מעשה פון זוהר הקדוש.

**עט.** די כוונה פון פסוק ״מי יעלה בהר ה׳״ וגו׳. - דער כבוד פאַר די נשמה פון צדיק ווען זי קומט אויפין עולם העליון. - יענעם טאָג איז מען אין גן עדן עוסק אין דער תורה וואָס דער צדיק האָט מחדש געווען בחייו. - די נשמה איז מסכים אַרויסצוגיין ווען זי הערט פון די אַנדערע נשמות וועגן דעם גרויסן תענוג פון גן עדן. - דער זכות פון דערמאָנען די דריי אבות, און אויך משה, אהרן, און מרים. אַ מעשה דערויף פון זוהר. - מען זאָל נישט טוהן באַהאַלטענערהייט וואָס מען שעמט זיך צו טוהן בפרהסיא.

**פ.** די בושה פון די נשמה ווען זי דאַרף געבן דין וחשבון פאַר דעם אויבערשטן. - אַ מעשה פון אריז״ל ווי ער האָט דערקענט אויף מענטשן זייערע עבירות. - דער זכות פון די קינדער שטייט ביי פאַר די עלטערן אויפן עולם העליון. - אַ מעשה פון זוהר וועגן אַ קצב וואָס האָט תשובה געטוהן און דערמיט געראַטעוועט אויך זיין טאַטן פון גיהנום. - רבי עקיבא האָט אויסגעלערנט דעם זוהן פון אַ רשע צו זאָגן קדיש נאָך אים, און דערמיט אים געטוהן אַ טובה. - די חשיבות פון ענטפערן ״אמן יהא שמיה רבה״ און קדיש נאָך אַ פאָטער אָדער מוטער. - דער שכר פאַר דערציען אַ יתום צו תורה און מצוות.

**פא.** פאַרוואָס די ערד איז געשאָלטן געוואָרן צוליב דעם זינד פון אדם הראשון. אויב די מוטער איז ערליך, זענען אירע קינדער צדיקים. פשט אין פסוק ״כרחם אב על בנים״. - דער וואָס שמד׳ט זיך רח״ל, איז אַ סימן אַז ער איז נישט מזרע ישראל. - אַ מעשה דערויף פונעם רמב״ן ז״ל. - די פרוי זאָל נישט רחמנות האָבן אויף די קינדער ווען דער מלמד אָדער איר מאַן שלאָגט זיי, און אַ ראיה דערויף פון בת שבע.

**פב.** די פיר זכותים פאַר גאולת מצרים, און אויך פאַר די גאולה העתידה. - די וויכטיקייט פון צניעות ביי די פרוי, און די שענדליכקייט פון אָנטוהן זיך אַזוי ווי די גוים. - נישט צו רעדן די שפּראַך פון די גוים. - דער מענטש דאַרף זעהן נישט מעכב צו זיין די גאולה.

**פג.** יעדע באַשעפעניש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם צורך פון די וועלט, און דעריבער טאָר מען זיי נישט פאַרשעמען און אַוודאי נישט אומברענגען, און אַ מעשה פון זוהר. - אויך די גראָזן און שפּראָצונגען טאָר מען נישט שעדיגן, און אַוודאי דאַרף מען היטן דעם כבוד פון דעם חבר. - די שטראָף פאַר פאַרשעמען תלמידי חכמים. - דער אויבערשטער האָט ליב די מענטשן וואָס זענען עוסק אין לימוד התורה און אין גמילות חסדים.

**פד.** די כוונה פון פסוק ״אם תגביה כנשר״ וגו׳. - ווי אַזוי עס איז שייך צו באַגנב׳ענען אַן אָרימאַן. - די וויכטיגקייט פון צוריקגריסן יעדן מענטש, וואָס ברענגט צו אחדות. - די עשירים האַלטן זיך גרויס צוליב זייער רייכטוהם.

**פה.** נטילת ידים אינדערפרי ביים אויפשטיין. - מ׳זאָל נישט צובינדן דעם קלייד אַרום די לינקע האַנט, כדי צו ווייזן די חביבות פון מצות תפילין. - אַ תפילה נאָך ברכת ציצית, ניצול צו ווערן פון קנאה, שנאה און כעס. - דער חיוב אַרויסצוגיין פון הויז אָנגעטוהן אין טלית און תפילין, און ספּעציעלע תפילות צו זאָגן ביים אַרויסגיין פונעם הויז. - דער מענטש זאָל מתפלל זיין אויף פרנסה אויף אַ היתר׳דיקן וועג, פון דעם אויבערשטן און נישט פון מענטשן. - אַ מעשה פון זוהר ווי ווייט די חז״ל זענען געווען נזהר צו זיין נהנים מיגיע כפּם.

**פו.** די ימים טובים ווייזן אויף די חשיבות פון אידן קעגן די אומות העולם. - די וויכטיגקייט פון זאָגן די פיוטים. - אַ מעשה פון רבי שלמה

גבירול ז״ל. -הזכרת נשמות דעם לעצטן טאָג פון יום טוב. - דער נס וואָס איז פאָרגעקומען אין בית המקדש ״עומדים צפופים ומשחוים רווחים״, ווייל דער בית המקדש של מעלה איז אַראפגעקומען אנשטאט דעם בית המקדש של מטה, מיט די נשמות פון די אבות און די צדיקים.

**פז.** די מצוה פון געבן צדקה לעילוי נשמתם פון די נפטרים. - די וויכטיקייט פון קבלת פני רבו אין אַ יום טוב. - מ׳זאָל זיין געוואָרנט צו געבן פאַר די אָרימעלייט פון די סעודות יום טוב. - דברי תורה בשעת די סעודה. - דער וואָס בענטשט ברכת המזון מיט כוונה, וועט זוכה זיין צו הערן ברכת המזון פון דוד המלך ע״ה ביי די סעודה וואָס דער אויבערשטער וועט מאַכן פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. - נישט מפסיק צו זיין צווישן מים אחרונים און ברכת המזון, און אַ מעשה דערויף פון די צייטן פונעם אריז״ל.

**פח.** חודש ניסן איז דער קעניג איבער די אַנדערע חדשים, ווייל דאַן לייכט דער שם הוי׳ ב״ה כסדרו. - אין די חדשים ניסן און תשרי דאַרפן מיר מתפלל זיין פאַר די נשמות, ווייל זיי זענען דאַן מתפלל פאַר אונז. - אַ טעם פאַרוואָס מען גייט צום בית הקברות ערב ראש השנה און ערב יום כיפור. - דער ענין פון זאָגן די צוועלף נשיאים אין די ערשטע טעג פון חודש ניסן, און די תפילה וואָס מ׳זאָגט דערויף. - מוסר פאַר די מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס. - אין חודש ניסן פאַנגען אָן די גראָזן צו וואַקסן, דעריבער דאַרף מען דאַן מתקן זיין די נשמות וואָס געפינען זיך דאָרט. - ניסן איז אַ צייט פאַר תשובה אַזוי ווי תשרי.

**פט.** די ספּעציעלע שמירה וואָס מ׳דאַרף האָבן ביי מצה, און דער סוד פון איסור חמץ במשהו. - די הכנות צום יום טוב פסח. - דער ענין פון ״מים שלנו״. -פאַרוואָס מען באַהאַלט צען שטיקלעך חמץ פאַר בדיקת חמץ. - מען זאָל גוט בודק חמץ זיין, און וואָס מען זאָל מכוון זיין ביי בדיקת חמץ.

**צ.** דער האַרבער איסור פון עסן חמץ נאָכן זמן. - מיט די טירחות אויף דעם יום טוב פסח, הרג׳עט מען די מזיקים וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון פגם הברית רח״ל. - די וויכטיקייט זיך מטהר צו זיין לכבוד יום טוב. - פאַרוואָס מען לייגט שטיקלעך פון די הושענא אויפין פייער ביים פאַרברענען דעם חמץ. - די תיקונים פון די סדר-נאַכט, און די גרויסקייט פון סיפור יציאת מצרים. - מען זאָל זאָגן פאַמעלעך און מיט כוונה די הגדה, און דער שכר דערפאַר.

**צא.** די כוונה פון פסוק ״גם צפור מצאה בית״ וגו׳. - אין חודש ניסן ווערן די אידן געלויבט דורך די נשמות אין הימל. - די מעלה פון די צדיקים וואָס האָבן זוכה געווען צו קינדער תלמידי חכמים. - די טירחות פאַרן יום טוב פסח ווערן גערעכנט ווי אַ באַזונדערע מצוה. - אין פסח איז מען דן דעם מענטש אויב ער האָט מקיים געווען די מצוה פון צדקה אַ גאַנץ יאָר. - דער חיוב וואָס ליגט אויף די גבאים פון צדקה צו געבן קמחא דפסחא און אַנדערע צרכי החג פאַר די אָרימעלייט. - מעשיות פון דער גמרא און פון זוהר.

- אַ טעם פאַרוואָס די גבאי צדקה ווערן צוגעגליכן צו די שטערן.

**צב.** די 49 טעג פון ספירת העומר אלס הכנה צום הייליקן יום טוב שבועות. - אין יום טוב שבועות האבן די אידן זוכה געווען אריינצוקומען אין פופציקסטן שער פון די שערי קדושה. – דער קרבן עומר וואס די אידן האבן מקריב געווען אין מדבר. – פארוואס דער יום טוב שבועות האט נישט זיבן טעג. – די גרויסקייט פון זאגן תיקון ליל שבועות.

**צג.** אַ טעם פאַר דעם וואָס "אסור לאדם למלא שחוק פיו בעולם הזה". - וואָס דאָס האַרץ, לעבער און מילץ פון דעם מענטש זענען מרמז. - דער גרויסער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף דאָס פאַרגאָסענע אידישע בלוט. - אַ מעשה פון דעם בעל מחבר ספר "תיקוני שבת" וואס ער האָט זוכה געווען צו זעהן די שכינה ביים כותל מערבי. - וואס דער אריז"ל האָט געזאָגט אויף אים.

**צד.** די גרויסע ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו די אידן, וואָס ער נידערט אַראָפּ כביכול צו זיין מיט זיי אין גלות. - גלות מצרים און גלות בבל. - די גרויסע יסורים וואס די אידן ליידן אין גלות, און דער חיוב אָנצונעמען באהבה די יסורים. - דער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש, באַזונדערס אין די טעג פון בין המצרים.

**צה.** אַ טעם פאַר אָנהויבן בויען די סוכה מוצאי יום כיפור. - דער וואָס איז מקיים געהעריג מצות סוכה, איז מבטל דעם כח פון די קליפות. - דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער וועט פרובן די אומות העולם 'לעתיד לבוא' דורך מצוות סוכה. - די צוויי שמות הקדושים וואָס זענען מרומז אין סוכ"ה. - מוסר פאַר די מענטשן וואָס גייען אַרויס פון דער סוכה באַלד נאָך די ברכה פון "לישב בסוכה".

**צו.** דער ענין פון נס חנוכה. - א מעשה פון מהרש"ל וועגן די קדושה פון מצוה-ליכט. - די כוונה אין די ברכות וואָס מ'מאַכט ביי די חנוכה ליכט. - די קדושה פון די שמשים ביי די חנוכה-ליכט, וואס זענען ענליך צו דעם כהן גדול וואס האט אָנגעצונדן די מנורה אין בית המקדש.

**צז.** עטליכע טעמים פאַר תענית אסתר. - די גרויסקייט פון זאָגן סליחות ברבים תענית אסתר. - אין תענית אסתר ווערן אונזערע תפילות אָנגענומען אין זכות פון מרדכי און אסתר, און דער וואָס דאַרף האָבן רחמים אויף אַ געוויסע זאַך, זאָל מתפלל זיין אין דאָזיקן טאָג. - אין 16טן טאָג פון חודש ניסן זאָל מען עוסק זיין אין די ענינים פון קמיצה, אַזוי ווי מרדכי האָט געטוהן בשעת דעם נס. - די טעג פון פורים זענען ימי הרצון, ווען דער אויבערשטער דערפילט אַלע בקשות פון די אידן.

**צח.** אַ טעם פאַרוואָס די צדיקים ווערן צוגענומען צוליב די זינד פונעם דור. - די כוונה פון פסוק "ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו" וגו'. - פאַרוואָס אחשוורוש האָט איינגעלאַדן די אידן צו דער סעודה. - אַ וואָרענונג נישט נהנה צו זיין פון די סעודות פון די אומות העולם, אַפילו אויב די

מאכלים זענען כשר. - דער זאַק וואָס מרדכי האָט אָנגעטוהן. - נאָך אַ טעם פאַר תענית אסתר.

**צט.** אין יעדן וואָרט פון דער מגילה איז דאָ אַ קדושה, און דעריבער זאָל מען עס לייענען פאַמעלעך, נישט שנעלערהייט. - וואָס דער אריז״ל שרייבט וועגן דעם וואָס אסתר האָט געזאָגט ״א-לי א-לי למה עזבתני״. - די מעלה פון ענטפערן אמן. - עס איז דאָ איין עולם וואָס ווערט אַנטדעקט נאָר ביי מגילה-לייענען. - די כוונה פון די ברכה ״על מקרא מגילה״. - די צוגרייטונגען צו פורים, און דער ענין פון גיין אין מקוה פאַר מען גייט אין שוהל אַריין. - אַ טעם פאַרוואָס המן הרשע האָט אויסגעקליבן חודש אדר דווקא. - דער הייליגער מנהג פון קלאַפּן ווען מען דערמאנט דעם נאָמען פון המן הרשע.

**ק.** די גוטע מעלה פון תמימות. - פאַרוואָס מען טאָר נישט אַדורכגיין פאַר אַ מענטש וואָס דאַוונט שמונה עשרה, און אויך נישט צו שטיין אונטער דעם רביין ביים דאַוונען. - דער סוד פון דעם מאמר חז״ל אַז דער אויבערשטער האָט נישט אין זיין וועלט נאָר די פיר איילן פון הלכה. - די וויכטיגקייט פון משא ומתן באמונה. - דער עיקר איז די אויפפירונג פון אַ מענטש אין ענינים פון געלט, און אַ מעשה דערויף פון זוהר. - אַן אזהרה נישט מאריך צו זיין ביים דאַוונען מער ווי דער ציבור.

**קא.** דער גרויסער שכר פון די וואס זענען מוכיח דעם ציבור און זענען מזכה את הרבים. - פאַרוואָס דער מחבר האָט מחבר געווען דעם ספר ״קב הישר״.

**קב.** השם יתברך האָט געמאַכט פאַר אדם הראשון מיט זיין ווייב חוה העמדער פון פעל - דער בית המקדש וועט שטיין אויף פיר בערג: באַרג סיני, באַרג כרמל, באַרג תביר, באַרג חרמון - דער דריטער בית המקדש וועט אַראָפּקומען פון הימל פאַרטיגערהייט.